**גוט שבת אלע אידן.** ר' אברהם אלטער (זיין עכטע נאמען) איז א רב אין דער טעלזער ישיבה אין שיקאגו. אמאל האט ר' אברהם באקומען אן אינטערעסאנטען טעלעפאן קאל. א פרייער איד מיט דעם נאמען "ריק ברווין" (נישט זיין עכטע נאמען) האט גערופן ר' אברהם צו רעדן מיט אים וועגן א וויכטיגע ענין. מיט אן ערנסטקייט אין זיין קול, האט "ריק" מסביר געווען זיין שאלה. ער מיט זיין בני בית האבן געהאט א יונגעל אפאר וואכן פריער. ליידער איז דאס קינד געווען זייער נישט געזונט, ל"ע, און די דאקטוירים האבן נישט געגעבן קיין גרויסע טשענס אז ער וועט לעבן צו לאנג, השם ירחם. "ריק" האט געוואלט וויסן פארוואס דער אייבערשטער האט געמאכט אז זיי זאלן האבן אזא קינד?

ר' אברהם האט נישט געקענט געבן א תשובה צו ריק'ס שאלה על רגל אחת. דערפאר האט ר' אברהם אים איינגעלאדענט אראפצוקומען צו דער ישיבה צו קענען לערנען אביסל תורה, און דורך דעם וועלן זיי צוקומען צו די תשובה צו ריק'ס קשיא. דערנאך איז ריק טאקע געקומען צו דער ישיבה וואו ער האט געלערנט תורה מיט ר' אברהם. ריק האט ב"ה זייער שטארק הנאה געהאט. ער איז צוריקגעקומען צו דער ישיבה נאכאמאל א שטיק צייט שפעטער. דערנאך, האט ריק געמאכט א קביעות, און ב"ה ער איז געקומען יעדע וואך צו לערנען אין דער ישיבה מיט ר' אברהם. דאס לערנען תורה האט זייער שטארק מחזק געווען ריק אין דעם גאר שווערן צייט.

איין טאג נאכן לערנען, האט ריק געוואלט פרעגן ר' אברהם עפעס וועגן זיין קינד. זיין קינד האט ל"ע געדארפט האבן נאך אן אפעראציע אויף זיין קליינעם הארץ. ריק האט געזאגט אז זיי האבן געדארפט פארשאפן אסאך בלוט פאר די אפעראציע, און די איינציגסטע פלאץ וואו מען האט געקענט באקומען בלוט איז געווען פון פרעמדע מענטשן וואס האבן מנדב געווען בלוט צום שפיטאל. פארשטייט זיך אז ריק האט נישט געוואלט נעמען בלוט פון פרעמדע מענטשן, ווייל עס איז שטארק שכיח אז יענע בלוט איז נישט ריין, דער אייבערשטער זאל אפהיטן.

ר' אברהם האט בארוהיגט ריק. ר' אברהם האט געזאגט צו אים אז ער זאל נישט זארגן, ווייל ער וועט פשוט ערלעדיגען א גרופע בחורים צו מנדב זיין בלוט. ריק האט זיך געוואונדערט, "פארוואס וואלטן ישיבה בחורים געוואלט געבן זייערע בלוט פאר מיין קינד ווען זיי קענען מיך אפילו נישט?"

"דו וועסט שוין זען!" האט ר' אברהם געזאגט צו אים. "זיי וועלן זיך פרייען צו טון די מצוה, גלייבטס מיר!" ריק איז שטארק נתרגש געווארן. "דינסטאג בערך צוויי אזייגער גיין אי"ה אריבערקומען די בחורים צו געבן די בלוט." האט ר' אברהם געזאגט ווייטער.

אין דינסטאג איז ריק געגאנגען צו די פלאץ ווי די בחורים האבן געדארפט געבן די בלוט. עס איז געווארן צען נאך צוויי און די בחורים זענען נאך נישט אנגעקומען. ריק האט אנגעהויבן צו האבן ספקות סי זיי וועלן טאקע קומען. סוף כל סוף פונף און צוואנציג מינוט נאך צוויי אזייגער האט ריק זיך מיישב געווען אז די בחורים קומען טאקע נישט. ריק איז אויפגעשטאנען גרייטענדיק ארויסצוגיין. מייאוש אינגאנצען איז ער געווען.

פלוצלינג האט ער געהערט פיסטריט. ער האט געקוקט און געזען: אט קומען די בחורים;! ריק איז שטארק נתפעל געווארן צו זען דעם אהבת ישראל. ער האט זיך מיישב געווען אז ער גייט ווערן א בעל תשובה בשלימות!

היינט, דריי און צוואנציג יאר שפעטער הייסט ריק שוין "מענדל." אלע פון מענדל'ס קינדער זענען ב"ה שומר שבת. צוויי פון זיי האבן שוין געלערנט עטליכע יארן אין כולל אין ארץ ישראל. די אפעראציע דעמאלט האט ב"ה מצליח געווען. דאס קינד איז אויפגעוואקסן און ער לערנט נאך אין ישיבה. אפילו דער בחור דארף א פייסמייעקער און ער מוז זייער שטארק אכטונג געבן אויף די געזונט, לעבט ער ב"ה, דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן געזונטערהייט!

די בחורים וואס זענען געקומען יענעם טאג צו געבן די בלוט האבן זיך נישט פארגעשטעלט די השפעה פון זייערע מצוות! זיי האבן געמיינט אז זיי זענען געקומען ראטעווען איין לאבן, ווען באמת האבן זיי געראטעוועט דורות!

יעצט אין די מסוגלדיגע ספירה טעג האט מען א באזונדערע געלעגענהייט זיך צו פארבעסערן די מידות. זאגען די ספרים הקדושים אז א איד זאל זיך שטרעבען צו מדמה זיין צו דעם אייבערשטער'ס מידות. דער של"ה הקדוש ברענגט אז "אדם" איז א לשון פון "אדמה לעליון", ד"ה זיך צוגלייכן צום אייבערשטען. (הקדמת תולדות אדם ג) דורך העלפן אנדערע אידן און טון חסד פאר יענעם קענען מיר אלע קומען נענטער צום באשעפער'ס מידות. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר יעקב יצחק שפיטצער הי"ו לרגל שמחת לידת בנו

נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, דוד צבי מנחם בן חיה שרה, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח"י

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362-3234 (845)

כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין בדף זה לאחר התפילה